STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12131

MILD MAYN VILD

Malka Heifetz Tussman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

מלכה חפץ טוזמאן

לידער

מילד מיין ווילד

MALKA HEIFETZ TUSSMAN

MILD MY WILD

POEMS

Copyright 1958 by the Author
Los Angeles, Calif.

TYPESETTING
Atlas Typesetting Co.
LOS ANGELES, CALIF.

PRESSWORK AND BINDING
Southland Press, Inc.
LOS ANGELES, CALIF.

אַרויסגעגעבן דורך
מלכה חפץ טוזמאַן בוך־קאמיטעט
לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע
1958

שער־בלאַט געצייכנט פון ב. מ ל ח י

דורך שטילקייטן

איך גלויב

איך גלויב אין עפּעס וואָס איז איבער „איך."
פון דאַנען ציט מיין זעלבסטוווערט חיות.
כ'שפּיר די פּריערס, שפּעטערס וואָר אין זיך,
ווייל איך גלויב אין עפּעס וואָס איז איבער „איך".
דאָ גילט גאָר ניט די חכמה פונעם גריך;
דאָ העלפט אין לאָגיק ניט קיין בקיאות
אַז כ'גלויב אין עפּעס וואָס איז איבער „איך".
פון דאַנען ציט מיין זעלבסטוווערט חיות.

ווי העל און דין

ווי העל און דין עס קרויזט צו מיר דיין בליק.

מיט קינדישן פאַרחידוש האָב איך אויפגעכאַפּט
מיין טאַטנס איינאויגן אין מיר טיף און לאַנג.
אַזוי פיל בענטשונג געווען אין זיין קוק;
אַזוי פיל גלויבן אין זיין קול וואָס האָט שטיל,
זייטיק פון פרעמדן אויער מיר איינגערוימט
„דו ווערסט".
און איך האָב מיט יראה די אויגן אָנגעשטעלט —
שוין געזוכט אין זיין פרומען פּנים.
שפּעטער
האָבן אַנדערע צעצויגן, פויל געזאָגט:
„דו קענסט"
און איך בין אָפּגעשפּרונגען
ווי אַ וועווערקע אין שאָק פון בלעטער-שאָרך
און אומעטיק געצווייפלט.
נאָכדעם
געווען איז אַ זעלטענער איינער.
ער האָט פעסט געזאָגט
„דו זאָלסט"
און צער האָט מיך איינגעבראָכן.

געווײנט האָב איך אויפֿן קול איבער
מײַן נישטיקייט.
היינט
זאָגסטו
„דו ביסט"
און פּאַניק פֿאַריאָגט מיך אין זיך אַרײַן,
אין טיף אַרײַן
פֿון מײַן צעשראָקענעם אויסזינג.

דיין גרויס וואָרט

איך דערקען, איך נעם אויף דיין גרויס וואָרט
מיטן אויפבליץ פון ליכט אין מיין מוח.
עס גייט אויף אינדערשטיל און פאַרשפּאָרט
ס׳געברויז פון זיך זיין מתוּוכח.

ס׳וואָרט ניגונט צו מיר אַזאַ אמת
וואָס איז ריינער פון טוי אויפן גראָז.
כ׳צי אַראָפּ פון דיין ליפּ דעם רמז
וואָס ווינקט שוין אויך אָן אַ פּראָגנאָז.

קוואַליק געלייטער — דיין מינדסטער זאָג,
דאָרט שפּיגלט מיין פּנים זיך שענער.
ס׳זונט מיר אַ שמייכל דעם גאַנצנקן טאָג:
ס׳איז גוט זיין דערקענט און דערקענער.

נאָכדעם — אַליין שוין, אין דיינע שפּורן
צי איך און וויקל זעלטענע שנורן.

איך וועל ניט פאַרניינען

גייסט־פּעדים, ניט פון היינט, ניט פון נעכטן —
זיי ציען פון דור־דורותדיקן קנויל:
פון איידער „גוטן", פון איידער „שלעכטן"
ווען „עגאָ" איז געלעגן אין פאַרהויל.

אויפגעהיט, דעם שטויב פון דעם געבלאָזן
ט׳מיין גורל ביז מיין קומען דאָ אַהער,
נאָכדעם ביי מיין וויגעלע געלאָזן
אין אַ פאַרשטעלטקייט פון אַ גרויסער טרער.

כ׳האָב דערקענט אין ערשטקייט פון מיין לעבן
די צערן וואָס עס טריפט אין מיר אַריין.
כ׳היט עס אָפּ געטריי און איבערגעבן:
עס פורעמט מיך, איז זיס דערפאַר די פיין —

איר רעכט אויף מיר וועל איך ניט פאַרניינען;
שטענדיק שוין אַזוי מיט איר אַליינען.

שפּיל אָן ווערטער

מיין מאַכטזיככניטוויסנדיק בליק
טוט אַ לויף איבער דיין פּנים, ליכטיק
באַיאָרנטער מאַן,
און שטרויכלט ביי די טיפע קאַרבן ווי איבער דראָטן
אַ פליגל־געשפּאַן,
און נידערט,
און נידערט אין טאָל.
נאָר דיין אויג איבער מיינעם האַלט שטילן פּאַטראָל:
געכאַפּט
און איך טו זיך אַ טוק אין אַ ראָזן פאַרשעם.

מיט אָפּשיי
צעשמייכלט צו דיר זיך מיין ברעם:
„קנייטשן—
אַ סימן פון קלוגשאַפט"
ליגנט מיין יונגשאַפט.

דער חריף —
דיין מינדסטער פינגער
געדולדיקט אין דער ליולקע דליביק,
און דאָס מויל דיינס, דער בר־דעת
שטייפט אַרום דעם ציביק.

צוועלף

צום שמייכל אין גיפּס

די מאַמע שלאָפט.
שוין יאָרן אַז די מאַמע שלאָפט,
נאָר אין קאָפּ דעם גיפּסענעם אויפן קאַרניז
שטיינט דאָס ווייכקייט פון איר שמייכל;
שפּילט איר גוטסקייט מיט געדולד ווי אַ קאַפּריז.

די קליינע טאָכטער דיינע, מאַמע,
די יונגע ציג
רונצלט שוין דעם שטערן באַלד ווי דו:
ווי! די שפּרונגען וואַלדיקע האָבן ניט געגאָלטן.
איז דאָס יונגקייט אירס ניט אָפּגעוואַשן זויבער,
איז דאָס יונגקייט אירס צעשויבערט
און אַלע שיינע כּלים זיינען אָנגעשפּאָלטן.
בלעזלען זיך אויף אָרעמס אירע אָדערלעך-געוועבן
און זי בייסט און קייט די נעגל,
און זי צופּט די הויט פון האַלדז
און דאָס קליינוואַרג
רייסט פון איר דאָס לייב און לעבן.

זי — די אַכטע און די קלענסטע,
איז די וויטסטע און די פרעמדסטע.

דרייצן

אײגן איז איר בלויז
אַ נאָכקלאַנג פון אַ וואָרט אַ ווײטן
נאָר זי קען דאָס וואָרט זיך ניט דערמאָנען
און פון זײַן ציטער די באַדײַטן.
זי שפּירט עס איבער זיך װי אַ געשװעב פון טױבן,
און זי ברעכט די פינגער,
און זי נישטערט בײַ די טירן,
און זי שמעקט די לופט בײַ אַלע שױבן.

שמײכל, מאַמע, אױס אַ זילב פון אירעטװעגן.
שליס אויף די גאַמע
פון דײַן געדולדיק וואָרט
וועט אַ טרײסט איר אויפגײן, מאַמע.

פערצן

דורך שטילקייט

שטילקייטן זיך פֿעדעמען ביי מיינע אויערן.

אָ. שלוה געגאַרטע, פֿון שטילקייט אין שטילקייט.
ס׳אַ שטילקייט.

ביז שטילקייט דורך שטילקייט נעמט בויערן,
דערבויערט ביז פֿלאַמיקע טויערן.

ווי לוחות צוויי פֿלאַמיקע טויערן
די שטילקייט צעפּראַלט
און לאָזט דורך די גוואַלדן
וואָס גוואַלדן פֿון גוואַלד.

אַ גוואַלד
ווי דורך שטילקייט
גוואַלדן צעבויערן
אין שטילקייט פֿאַרזונקענע
אויערן.

ע ר ד

ערד,
מיין בעז האָט פאַרבליט
און דורכנעמיק זיס איז דיין פייכטקייט
אַרום מיינע באָרוועסע טריט.

איך גאַף ביי דיין שלמות און חידוש
ווי חוה אין ערשטן פאַרבליף.
איך וויג זיך אין אָפּדאַכט פון ליבשאַפט
אין שויס פון דיין טיף.

איך גריבל די פּיאַטעס און וואָרצל אַרונטער,
אַרונטער.
דו נעמסט מיך אַריין און
דיין טונקל ווערט צונטער.

אין הויך פון דיין אָטעם רחבותדיק, ברוסטיק
גיי איך אויף און
ווער גלוסטיק.

אורקראַפט שלאָגט אויף אין די אָדערן שפּיזיק
און קרייצט אַ געשטייג —
איך ווער ריזיק

און פליגל מיין דמיון ביז הימל אַריבער, אַריבער.
וועלט-עקן שאַלן,
רופן זיך איבער.

איך וואַקס!
מיין פלאַמיקע קרוין וועט באַלד גרייכן,
דערגרייכן
אומגלויבלעכע, אימהקע הייכן.

פלוצעם
דערפיל איך אַ טואונג אַ גרויסע נ׳דיין אינער
און איך
ווער אַלץ מינער,
אַלץ מינער,
אַלץ מינער.

פיריבער

דאָס וואַכע, ווייסע ווינטער ליכט
איילט דעם טאָג אין אַלע שויבן,
וועקט אַ וויסיקייט
וואָס איז ווי אַ בער געלעגן איינגעלייגט.

סי שניידט דאָס אויג
נאָר קלינגט ניט מיט קיין אויפגעוואַכטער פרייד.

אָ, דאָס ריינקייט-שטרענג.

מאַך אַ קליינעם פלעק.
צעברעך דעם ווייסן דויערלענג.
פיריבער פורעם שכלדיק,
סאָליד.

ס׳קען אַזוי אַמאָל
געשען
אַ ליד.

דאָרשט ביים לעצטן טראָפּן

טרערן זיינען וויין;
טרערן זיינען פּריסיק.
דו —
דער דאָרשט ביים לעצטן טראָפּן
וואָס פאַרהאַלט זיך ביי דעם קריגל-פּיסיק.

און דו הילסט און וויקלסט זיך אין שקיעה.
דאָרט שפּיגלט זיך דיין טרויער
אין אַ הענגנדיקן פּערל
אויף אַ הערל
פון דיין וויע.

בלויער פינגער צייכנט אַרום דיר
פאַרקלערטקייט-שאַרם.
(שיינקייט האַלט נאָך אַליך אָן די ממשלה)
אַזוי-אָ ווערט אַרומגעשפּינט
אַ מערב-פענצטער פאַר הבדלה.

היינט דורכזיכטיקט דורך דיר
דער זיפץ פון איינגעשטילטן וויי.

גיי נאָך ניט אַריין אין
„מוצאי״.

צו רויזן

אַ גוטע איז די האַנט
נאָר זי וועט אייך ווי טאָן, מיינע רויזן,
ווי ווי טאָן סי טוט אַ געליבטער.

אַ שטילע האַנט
וועט אייך פאָרזיכטיק איבערנעמען,
מיט איידלקייט אַרומנעמען און האַלדזן
און אייך מונטערן נאָכאַנאַנד
וועט איר די קעפּעלעך פאַרוואַרפן
און זיך פאַרציען אין הויך פון אייער
בלוי־בלוט שטאַנד.

דער נחת פון אייער ריח אַרום
דעם אַרום
וועט זיך וויקלען ווי לייטזעליקייט
אַרום פרומע לייט
און נאָכדעם
וועט איר שטאַרבן פאַר דער צייט,
מיינע רויזן.

צוואַנציק

מיין מקלט

בין איך דיר געטריי, מיין איינזאַמקייט,
אַ דו מקלט מיינער זעלטענער.
דו היטסט אויף אין מיר מיין זעלבסטזאַמקייט
שווער איך דיר „געטריי״, מיין איינזאַמקייט.
זע באַגלייט מיך ביז דער קופּער־צייט,
וואו עס פירט דער דרך אַט־דער וועלטענער
בלייב איך דיר געטריי, מיין איינזאַמקייט,
אַ דו מקלט מיינער זעלטענער.

בּיים בּרונעם

שאָקלענדיקע בריק

זיך אָנכאַפּן אָן קליינעם פּיסל פון מיין קינד;
די פּיאַטקע אויסקושן האָט מיך געטאָן אַ רעג.
דאָס פּיסל איז קיין חלום ניט אין שווינד.
ס׳איז וואָר. שוין ליגט אַ שפּור געצייכנט אויפן שטעג.

אָדערלעך ווי זייד־וועב — בלויאינקער צעצווייג
וויברירן אין געשפּיל פון לויפנדיקן רויט.
דאָס פּיסל אין מיין האַנט — אַ פייגעלע אין שטייג:
ווילן קעגן ווילן ברעקלט זיך אין שרויט.

דאָס שטערנדל דאָס פּיצל רונצלט שטוינונג:
תפיסה־ווענט פון פארגעבורט און—שטורעם, שטורעם;
מיטן קעפּעלע צעבראָכן — אַ דערמאָנונג —
שטויסט פּיסעלע די נייע פעסטונג־טורעם.

פעסטונג וואַקלט ווי אַ שאָקלענדיקע בריק.
קינד נעסטלט אין מיין שויס און איך ווער האַרבעריק.

אָ שעמעוודיק וואָרט

אין שעמעוודיקייט האָט זיך וואָרט געהילט,
פאָרויס געוואַגט
און ווידער זיך געטוקט,
פאַררוקט,

געררייפט,
געררייפט אין בענקשאַפט שטומער
און אויסגעשיילט אין ראָז פון יונגשאַפט
אַ דינע, דינע קלוגשאַפט.
ביי מיין זייט געזונדערט האָט
אַ קוים געאַנטע פרייד.

מיין בליק — אַ פליענדיקער שטערן
גענידערט און געפאַלן אין די פאַלדן פון מיין קלייד
און אין געשוועב
די פקחות איינגערוימט אַ וואַכן אויער.
אַן אומעטיקער שמייכל מיט באַדויער
האָט צו מיינעם זיך געטאָן אַ נויג.
אַ פלאַטערל — מיין ברעם
אַפּיניטעט געוויגט צווישן אויג און אויג.

זעקס און צוואַנציק

אַלדי גיטער
האַלט דער ציטער פון מאָמענט.
אַן אָטעם-צי
און אַלץ פאַרשווענדט,
אָט אַ פליג אַ רונד געמאַכט אַרום פיר ווענט.
דאָך —

עלנט איז געוואָרן לייבלעכער און זיסער.
כ׳בין
אַן עלנט געניסער.

און איך שמייכל גאַליק

מיין ווילן
איז אָנגעשפּאַנט מעטאַליק
נאָר דאָס אָנקוועל פונעם בלוט
אין מאַרשרוט
פון קאָפּ ביז שפּיצן פינגער פון די פיס
צייכנט שוין דעם ריס
ווייס איך
און איך שמייכל גאַליק.

באַרוט

אַ וואָרט אַ שטילס האָט אויפגעשפּילט
מנוחה אין די ווינקלען פון מיין הויז.
פאַמעלעכט האָט מיין טראָט אי פליגלדיק, אי זאַכט.
געשטאַרקט האָט זיך דאָס פילבאַרקייט
אין מיינע פינגער;
מיט ליבשאַפט האָב איך אָנגערירט אַ מינדסטע זאַך.
ווי אַן אָפּשפּרעך
האָט זיך רו געצויגן איבער וויעס
און די אויגן מיר פאַרמאַכט.

אַ בשמימדיק דערמאָנונג אין געשוועב פון
קפיצת-צייט
איז געווען די האַנט ביי מיר צוקאָפּנס
און דער קאָפּ דער שלאָפנדיקער ביי מיין זייט.

נאָר
מיין באַרוטן שלאָף
האָט אָפּט אַ זיפץ ספּיראַליק אויפגעטרייסלט
ווי אַ וויכער די אָקטאָבער פליינען,
גלייך אַ קינד איז איינגעשלאָפן נאָך
אַ ביטער וויינען.

קנעכטשאַפט

אַ נאַקעט פייגעלע, ערשט פון איי אַרויס,
האָט אומגעריכט מיר עמיצער אַריינגעלייגט אין האַנט.
אין דערשטוינטן שוידער האָט רעפלעקס
אַ בויג געטאָן די פינגער,
אין האַלבקרייז שטייף
אַ שיסעלע פאַר פרעמדער, בלויער וואַרעמקייט
פאַרשטאַרט.

אוי, וואָס טוט מען מיט אַ לעבן אין דער האַנט?
ווי האַלט מען דאָס אַ לעבן אין אַ האַנט?
ווי גרויס,
ווי גרויס איז אַ ברעקעלע לעבן?

דאָס קליינטשיקע פולס אין מיין האַנט
האָט מיר איבער די שלייפן געשלאָגן,
געשטאָכן די הויט פון מיין לייב.
דאָס פיצינקע לעבן אין האַנט
איז גרויס געשטיגן.
געטורעמט איבער מיר האָט מוראדיק
דאָס לעבלעכקייט אין האַנט.

איך בין פאַריאָכט מיט הילפלאָז לעבן אין מיין האַנט.
דאָס געצאַפל פון הוילקייט
האָט מיך פאַרקנעכט.
און איך ברעך זיך.

איך צעברעקל זיך.

דרייסיק

פײַן

מײַן טראָט איז לאַנגזאַם
נאָר מײַן זיפֿץ, אַ גאָט געטרײַער,
נאָר מײַן זיפֿץ איז
ניט געצוימטער פֿײַער.

און דו אײַלסט
ווי אָקאָרשט אויפֿגעפּראַלטער קוואַל.
דײַן אומגעדולד גײט אויף ווי ווײַרעך צו
מײַן פֿײַנלעכקײט.
זוכסט אַקאָרד פֿינאַל.

דו היפּסט.
ביסט שוין אויפֿן העכסטן שטאַפּל פֿון
מײַן לײטער.
אַן אויגנבליק
און כ׳בין
אַ טאָן צעריסענער פֿון בראַהמס צווײטער.

אַ דאַך איבערן קאָפּ

אַריינגעשטעלט אַ פוס אין אָרעמוויסט
און דאָרט געבליבן שטעקן.
דאָס גרינגסטע איז געווען
דעם צווייטן פוס אַהין דערשלעפּן.

אַרויסגעלאָזט פון האַנט
די אויסגעדאַכטע קלעטער-קייט,
דעם קראַמף אַרויסגעטרייסלט,
דעם שאָטן
אויפן דיל זיך אויסגעשפּרייט
און פאַרמאַכט די אויגן
„אַ טאַטנס קינד" פון קאַרק אַראָפּגעוואָרפן
און אַזוי
פאַרשעמטקייט אָפּגעשלאָפן.

נויט,
איצט ביסטו אין דרויסן.
אַלע „מוזן" ווי די פלעקער
אַריינגעזעצט אויף יענער זייט פון הפקריי.

בלויז דער ערשטער טוכלער שלאָג אין פּנים
געווען איז מוראדיק און ניי. . .

צווי און דרייסיק

האָט די נאָז געזעגן אָטעם פערטלמאָסיק,
נאָר ליפּן האָבן אַלץ עקשנותדיק
פאַרדראָסיק
אויסגעשלאָסן לופט
ביז די באַק האָט זיך באַהעפט
מיט שטויב פון דיל
און —
שלום־רב
און שאַ
און שטיל.

ס׳עפנט זיך דאָס מויל פון זיך אַליין;
פּראָפּט די לונגען אָן מיט פייכטקייט פון דעם מיסט—
אַזאַ איינשוועַר ריטואַל
נאָכדעם איז מען דאָ לעגאַל
און אַלץ באַקומט מען שוין אומזיסט,
גאַנץ אומזיסט . . .

סאַראַ היים!
אָפּגעטאָן האָט זיך די פרעמד.
שולדיק איז מען קיינעם גאָרנישט ניט,
אפילו ניט דעם אייגן לייב
אַ פרישע העמד.

ביינער נעסטן זיך אַריין
אין פולער פוילקייט;
יעדער אבער רוט
ביז ברייטן גענעץ;
ציינער ציען חיות
פון אַ דאַרן פענעץ
וואָס רופט אַרויס דעם טעם פון
קאַשקעלע מיט מילך,
פון צוגעלעגן עפל, פון אַ ווייכער באַר.

קויט האָט איצט אַן אייגענעם קאָליר און שמעקט
פאַמיליאַר,
היימיש
ווי אַ „גוט-וואָך“ נאָך הבדלה,
ווי חלב-ריח פון פאַרלאָשענעם געפלעכט
און קיין זאַך איז שוין מער ניט
שלעכט.

געבענטשט זיי, לעצטער טרעפל פון
„אַראָפּ“.
שיפלות שפרייט אַ פּאָלע אויס
און ווערט
אַ דאַך איבערן קאָפּ.

ביי אַ פאַרלאָזן הויז

אַ האַלב אָפּגעריסענע טיר
אויף איינאיינציקן געלענק
וויגט:
מעל-
אַנ-
כאָליע.

דער סקאָס-צעשניטענער חלל
אָטעמט מרה-שחורה
צו דער גאַס אַרויס.

אַן אומגעוואָרפענער שוך
אַנגסטיקט ביי דער שוועל:
טיל-
תל.

יאוש אַנט׳כוח׳ט מיין שפּאַן
פון געפאַר
און ס׳גיכערט ניט טראָט
ווי ס׳לויפט ניט געלאַף אינעם שלאָף,
ווי ס׳שרייט ניט דער שריי אין קאָשמאַר.

און אָט יאָגט מיך אַן דער אומעט פון טיר;
אָט כאַפּט מיך דער חורבן פון שוך ביי דער שוועל;
אָט ווער איך
טיל-
תל.

אַזוי זעלטן

ווײ, ווי פֿאַרקנעכט איך בין צום אויגנבליק פֿון
ערלעך שטילן וואָרט וואָס קלאַפּט אָן צו מיר
אַזוי זעלטן.
קומט עס
איז דעמאָלט
ווען כ׳האָב עס פֿון אויג באַלד פֿאַרלאָרן.
ס׳טרעפֿט מיך אויפֿן שוועל פֿון אויסיקייט.
כ׳בין זיך מייאש,
ס׳ציט מיך צום אָפּגרונט.

ניין. ניט ווי דיך, רימבאָ, דו יינגלינג מיינער שיינער,
וואָס האָסט געזוכט דעם זין פֿון זומפּ;
אויסטונקען געוואָלט די טיף פֿון טומאה
מיט דיין יונגן לייב
און אַרויפֿקומען פֿון דאָרט
מיט איינגעברענטן שם־המפֿורש אין דיין האַרצן.

פֿאַר מיר
די פֿולע אויפֿלייזונג,
די גאַנצע אויסלייזונג פֿון יענעם טראָפּל זעלבסטיקייט
וואָס איז אַ דעצימאָל, אַ דראָב אין מיר,
וואָס איז אַ דאָרשט אין מיר.

זעקס און דרייסיק

ס'האַלט מיך נאָך דער פּרימיטיוו
אין קלעם פון ציינער
און פּרימיטיוו עפנט מויל און שרייט ווי
ס'וויל שרייען.
וויל שרייען
אַן עבודת-הדזשונגל געשרייען.

זאָל מען אַ קאַרגן ברונעם

שטילוואָרט יאָגט מיך אַן ביים לעצטן שפּאַנאַריבער,
דרייט אויס פּאַמעלעך מיר דאָס פּנים אויף צוריק:
הער!
צוויי ברונעמער זיינען געווען ביי אונדז.
איינער האָט געקוואַלט אין סאַמע מיטן הויף.
פּעסער, קאַרעטעס און דייזשעס
האָט אָנגעפילט זיין גאָב.
אַן אייביק זינגעוודיק געפּליעסק פון עמער
אויף און אָפּ,
אויף און אָפּ.
קיינמאָל האָט דער ברונעם זיך ניט אָפּגעצויגן.

אַלעמאָל איז פול געבליבן ווי אַן אויג
אונדזער גוטער, גוטער ברונעם.

ווייט און טיף אין טאָל
צופוסנס פון דעם פלוימען-סאָד גע'דמיונ'ט האָט
אַ צווייטער ברונעם.
אַהער
איז מען מיט מאָס און טאַקט אין טראָט געגאַנגען:
פּאַמעלעכקע
דאָס וואַסער אָנגעשעפּט מיט קליינעם שעפּל—
טיי צ'ר אָוונטיקער מנוחה
פאַר געסט געהייבענע צום טיש
ווי וויין געשטעלט.

אַכט און דרייסיק

שפּאָרעוודיק איז מען געווען:
אָפּגעמאָסטן, אָפּגעשפּראָכן יעדע קוואָרט
ווייל קאַרג געווען איז אָט-דער ברונעם.

איינגעהאַלטן איז געווען דער ברונעם
וואָס צופוסנס פונעם פלוימען סאָד.

נאָר סאַראַ נחת
ווען גלאָז-טיי האָט זיך געעמבערט
אין דער יום-טובדיקער האַנט.
סאַראַ תענוג
ווען אויג האָט געשפּילט
אויף קלאָר פון קרישטאָל
און קלוג מויל
האָט אַ חריפותדיק וואָרט געלאָזט פאַלן שטיל,
איידל
און די ברכה „שהכל" איז אויפגעגאַנגען
ווי אַ קרוינונג.

זאָל מען אַ קאַרגן ברונעם פאַרשיטן?

עונג רעגן

דער פאַרנאַכטיקער האָבאָ אין בלוי
וואָס באַהאַלט אין קעשענעס די הענט
אָנגעלענט
און הויך זיך איבער דעמער-בוים צעצויגן
האָט געלאָזט דאָס היטל פאַלן איבער אויגן.

דאָס באַרג-געטל פון זיין הייך
האָט פערעלעך געבלאָזן דורך פּיאָלעטער רער,
דורכגעשניטן קווער
גלייך צו מיר אין פענצטער.

טאַ-האַ-טאַ — האָט דראָבנע זיך צעשאָטן אַ געלאַך
און אויף קאַטאָוועס זיך צעקונדעסט
איבער שינדעלעך פון דאַך.

אַלץ אַרום האָט זיך צעקלונגען און צעשטיפט.
דאָס גערטל האָט אין חן-גריבלעך צעשיפּט
בלעזעלעך געלעכטער.

דער בלויער האָבאָ
האָט אין טונקל טיפער זיך פאַרטוקט:
ער וועט דאָ ווײַלן.

פערציק

ער דאַרף אײַנערגעץ זיך ניט אײַלן.
זײַנע צעפּליגלטע נאָזלעכער ציען אַרײַן
פּערפּום פֿון דער ערד
און צעיחיות׳ט אַ געשמײכל
דער קומענדיקער נאַכט אַנטקעגן.

אַזאַ עונג,
אַזאַ עונג רעגן.

ביי ברונעמס פיין

וואַכט בעטהאָוועגס אינער אויער
וואָס דערהערן וויל גאָטס אָטעם.
ביי אַלע שטילקייטן אין לויער
וואַכט בעטהאָוועגס אינער אויער.
אין טויבקייט טיפער טיפט זיין טרויער.
ביי ברונעמס פיין וואו ס׳פירט זיין טראָט אים
וואַכט בעטהאָוועגס אינער אויער
וואָס דערהערן וויל גאָטס אָטעם.

צווי און פערציק

וויג מיך ניט איין

וויג מיך ניט איין . . .

אַן אָפּגאָט
איז אַן אָפּקרישל פון „דו“

דין איך פרום און בוק זיך צו
דעם אָפּגעטל — דעם „מיססיל“.
אים טו איך דאַנקען,
אים טו איך לויבן
און ווי ווײַרעך אָטעם איך אַריין
אומברענג-שטויבן . . .

צום סוד פון אַלע סודות ציט
דיין קינד דאָס אויסדערוויילטס—דער גאון
און דו
לאָזסט אים עפענען בלויז קעמערלעך
שיגעון.
און סי קייכן
וועלדער, ימען, בערג און טייכן —
קייכן
קייכן.

אָ, וויג מיך ניט אַריין אין גלייכגילט.
שטאַרק די שרעק אין מיר.

אַרום געהיים פון מאָלעקולן
רונדיקט, קרייזט דער וויסט פון נולן:

עלעקטראָנען
רייסן זיך פון צאַמען
אַז אָט
די ערד ט׳פּאַציטערן חלילה ביז די שטאַמען.
און ווען ס׳וועט באַשערט זיין אַזאַ גנאָד
צו בלייבן אין אַ מענטש צי האַלב-מענטש פורעם
וועט ליגן אויף די חורבות
פון נייעם בבל-טורעם.

אוי, טאַטע דו,
צום וויפילטן מאָל וועט דיין מעכטיקע האַנט
שטופּן אַרונטער
צום אָנהייב אַרונטער:
וואָרעמדיק אַרום די וואָרצלען קריכן,
פייער אין אַ שטיינדל זוכן,
פּאַר קוועלכל און פּאַר גרעזל שפּרינגען
ווי אוראַנגוטאַנג
און גופן-טאַנץ
פאַר קערנער אין אַ זאַנג.

זעקס און פערציק

אָ, וויג מיך ניט אַריין אין גלייכגילט.

אַז פרומע האַנט איז
אונטערצינדער,
צום פלאַקער פון שרפות
טאַנצן קינדער
און גרויסע
יובלדיק אַ פרייד צעשאַלן
ווען זיילן פאַלן.

זיילן פאַלן!

אין געפלאַטער פון געפליען
איילט אַ גרויס
ווערנויס.
אויס.

אָ, שטאַרק די שרעק אין מיר.

מ ו ר א

ביי אַלע מײַנע מוראס
זוך איך דעם לאָמפּ אין מײַן מאַמעס האַנט
וואָס האָט צעטריבן אַלע מײַנע מוראס.

דער מאַמעס האַנט איז פֿאַרגאַנגען אין
נישטאָאיקייט.
דער לאָמפּ
איז מיט דער מאַמעס האַנט פֿאַרגאַנגען
אין נישטאָאיקייט
און איך האָב מורא.

דאָס וואָס שאָטנט דעם גראָטעסק
אויף מײַנע ווענט
איז ווי אַ פּונגוס אויסגעוואַקסן פֿון
מײַן מורא
איך זאָל האָבן מורא.
הײַנט
שיץ איך זיך אין דעם
פֿון אַ מוראדיקער,
מוראדיקער
מורא.

אַכט און פֿערציק

נאָר זינגען קען איך ניט

דו ביסט מיר ליב, אָ שטאָט מײַנע, על. עי.
נאָר זינגען קען איך ניט צו דיר
ווי זיי
די אָנצאָליקע באַזינגער דײַנע
וועלכע לידלען פערזן אין
געמאָסטענע און פרײַע שורות.
זיי רימען די באַצווינגער דײַנע וועלכע
באָדן זיך אין דײַן עשירות.
זיי קומען אויף אַ ווײַל און לאָזן וואוילגײַן זיך
מיט קוש פון דײַנע זונען
און צעשאַלן
לויב צו דײַנע שפּרודלדיקע קוואַלן.

איך האָב דערבליקט
די וואונדן אונטער דײַנע קווייטיקע אוזאָרן
איז מײַן געטרײַשאַפט דיר
מער שטאַנדהאַפטיק געוואָרן.

באַגלײַך מיט אַלע דײַנע ביימער-שפּיצן וואָס ביים ראַנד
פון אָרעמגאַס — דײַן שאַנד
טײַטל איך דורך אַזשור-בלוי ביז צום סאַמע הימל.
באַזאַמען מיט דעם איישאָל-ווײַסן מאַגנאָל-בלום
אומער איך ביי דײַנע בלאָטערן וואָס פיבערן
מיט סם פון אָפּיאום.
אינאיינעם מיט דײַן פּילקאָלירטן רויז

אַנגסטיק איך
ביי דיינע אָפּגרונטן וואו ס׳האַלט זיך אויף
פּערווערז —
קרומוועג פונעם אוניווערז.

כ׳טרויער ביי די נאָרעס דיינע וואו
ס׳כּפּל׳ט זיך פאַרברעך,
און ביי די נעסטן וואו די פּעסט
רויבט די מענלעכקייט פון דיינע יונגע זין
און צעפרעסט

דאָס פּרוכפּערדיקייט פון די שיינע טעכטער דיינע.
שטאָט מיינע, דו וועלט-באַרימטע!
דו שמעקעדיקער הדס!
דיינע פאַלשע ליבהאָבער זינגען אָדעס
צו דעם קליינעם, צאַרטן בלימל וואָס
אויף וואונדער
זונט אויף קאָקטוס אין גראָטעסקן אויסגעקניפּטן.
דיינע פאַלשע ליבהאָבער
קוויקן זיך מיט אַראָמאַט פון דיינע אייקאַליפּטן.
דיינע פאַלשע ליבהאָבער
נאַשן אויס דיין האָניק, זיסע שטאָט.
זיי שיקן לופט-קושן צו דיר פון
אָפּפלי-עראָפּלאַנען
נאָכדעם אין סאָנעטן וועלן זיי
דיין נעאָן-גלאַנץ דערמאָנען.

פופּציק

אין די הייכן
איבער דיינע גאַזן-רויכן
זע דעם מלאך דיינעם, שטאָט:
מיט איין פליגל דעקט ער צו זיין פנים
און מיט צווייטן
אָנגעצויגן ווי אַ גנאַמאָן
וויל ער אָפּמעקן פון דיר זיין נאָמען.
דאָך מעקן טוט ער ניט.

און איך,
וואָס שפּיר די שנאה לויערן פון ווינקלען טונקעלע
אויף מיינע איילנדיקע טריט,
האָב דיך ליב, על.עי. און
כ׳זוך ניט קיין אַנטרין.
נאָר ס׳איז אומעטיק מיין שמייכל אין דער קילקייט
פון דיין נאַכטיקן יאַסמין;
נאָר ס׳איז ניט ניחא מיר
פון דיינע ציטרוסן דער חיות׳דיקער צוויט
און אין קאַראַהאַד פון די חסידים —
דיינע קייטלדיקע בערג
קוים איך וויג זיך מיט
נאָר
זינגען
קען איך ניט.

פ י צ ל

„פרויען — פלעגט ער זאָגן — זיינען ווייסע חלה —
און אַלע
זיינען ווערט די בייטש פון היצל."

און איך האָב אים גערופן
„פיצל".
ער האָט געלאַכט:
„גוט אַזוי. אָן רחמנות רוף מיך פיצל."

* * *

אַ פנים — לענגלעך בלאַס און צוקנדיק,
היישעריקן — אויגן
ניהילירן קוקנדיק —
נאַכט נאָך נאַכט האָט ער אין ליט-קאַפעי פאַרבראַכט.

ער האָט ליב געהאַט די יידיש-ליטעראַטן
און אויך פייערלעך געהאַט זיי פיינט.
— אַלצאיינס איז די הנאה
סיי פון ערשטן, סיי פון צווייטן —
אַלץ פלעגט ער מיט קורצן לאַך באַגלייטן:
„דאָס זיינען דען פאָעטן?"
און ביי אַ טעפל קאַווע
מאַכט ער גאַנץ „ריסקעי"
איינס אויף איינס קופלעטן
איבער זיי.

צוויי און פופציק

ער האָט אַליין געשריבן קלוגע, קורצע לידער
און מיט הנאה ווילדער זיי צעריסן —
זיך אַזוי דאָס בלוט געלאָזן
און געקילט זיך מיטן פליסן . . .

* * *

„דערצייל, דערצייל״—
צאַפּלט זיך דער קליינער הויקער
אַרויף צו דעם באָהעם וואָס איז
מיט צוויי צאָל העכער.
(סאַ ריז עס איז, דער וואָס איז
מיט צוויי צאָל העכער.)
און יענער דאָרט
אַנטקעגן שפּיגל
בינדט דעם קינסטלערשן קראַוואַט
פאַמעלעכקע
אָט אַקוראַט
אים אַרט ניט וואָס „זי״ וואַרט
און פלעכט דערביי משונהדיקע,
מאַנזבילישע זיגן.

דער קליינער שעפּט און שעפּט.
ער קראַפּקעט זיך איבער די רייד
ווי איבער קרומע שטיגן
ביז צום האַלדז האָט זיך דערקליבן

אַ הייזעריקער זשיפּן.
פלינקע פייערלעך אין אויגן
שיטן זשאַר
אויף פאַרלאָפּענע צוויי ליפּן:

„כ'וועל אַליין אַמאָל די „ווייסע חלה" עסן
אַלע טאָג
און דווקא
אין די הויכע פענצטער פון עקסקלוזיווע הויפן.
איך וועל קויפן."

* * *

— שמאָלע גאַסן
זיינען בלויז פּאַר אומגליקלעכע נאַרן —
פיצל איז אַנטרונען.
מע זאָגט: ער האָט אַלאַדינס לאָמפּ געפונען
און יאָגט זיך אום אויף די בולוואַרן
אין גרויסע לימוזינען.

* * *

„טהענק יו, טהענק יו, סער" —
בוקט מען זיך צום קליינינקן „לאָרד בייראָן"
ביז צו זיינע העזהדיק צעגלאַנצטע שיך
ווען זיי גייען
אַנטקעגן קאַלטע מאַסקן-מינעס
איבער וואונקען שעלמישע פון די לאַקייען
ביי די טירן פון די „קאַראַלינעס".

„לאָרד בייראָן“ זעט ניט וואָס מע דאַרף ניט.
ער איז אויף ווערטער קאַרג און ביטער-שאַרף
און אַז מע דאַרף
איז ער מילד, פּאָעטיש עלאָקווענט
מיט פינאַנסיר, מיט ליטעראַט
און מיט גורמעי;
ער שווימט אין אַ געבלענד
פון שאַמפּאַניער, מוזיק,
סאַמעט, זייד און
ד ע ק אָ ל ט ע י . . .

* * *

יאָרן שפּעטער
אין אַ ווייטער מערבדיקער שטאָט,
אויף אַ באַרגיקן געקלעטער
האָט ער אָפּגעזוכט מיין טיר
און אָט
ער זיצט אַנטקעגן מיר—
טעט-אַ-טעט,
צווישן אונדז
דער רויך פון סיגאַרעט
ווי די צייט וואָלט אונדז געהאַט געמיטן,
ווי קיינזאַך וואָלט זיך ניט געביטן.

„נו, מיין קליינער לאָרד,

וי גייט דיר מיט דער „ווייסער חלה״?
און זיינען אַלץ נאָך פרויען
אַ ל ע
ווערט די בייטש?״

ער האָט אַ שפּריץ געטאָן אַ קרענקלעך-קרומען לאַך:
אָ, אַ סך, אַ סך,
נאָר
בלויז מיך אַליין געטראָפן האָט
די בייטש פון היצל.

כ׳בעט דיך:
רוף מיך
„פּיצל״.

פ אַ ר נ אַ כ ט י ק ס

זי איז געזעסן מיט צונויפגעלייגטע הענט,
געהערט
דעם אָטעם אייגענעם די שטילקייט זעגן
און ס׳פאַלן,
פאַלןביימער פון איר חלום-וואַלד,
און זי —
אַן אַספּען, ציטערט אינעם מינדסטן
בלעזל-לינד.

סאַראַ זינד:
ס׳איז קיין ברכה ניט געווען אין צוויט
איז דער קנאָספּ אַוועק אין ווילד
און טרייסטלאָז איז דער בוים —
דער אַספּען בוים.

און איצט
אין דער פריער, פרומער אָוונט-שעה
האָט זי דערשפּירט:
דער הינטערגרונט אַ נאָקטורן קלאַווירט;
אַן אָרעם ליכטל אין אַ שאָטן-האַנט
פּינטלט רויכיק אין דער נאַכט אַריין
און זאַמלט ווי מאָטילן
עלנט-שפּורן איין.

זי איז געזעסן מיט צונויפגעלייגטע הענט.

מע זאָגט דו ביסט ניט מער

אויפן טויט פון ש. ב.

מיין פריינט,
ס'איז וואָר:
דו קענסט שוין מער דיין האַנט מיר
ניט דערלאַנגען.
אַט ערשט,
אַט ערשט ביסטו געווען, שטאַרק געווען —
מע זאָגט:
דו ביסט פאַרגאַנגען.

זאָג, וואָס איז וואָר
און וואָס איז טרוים?
אַט זע איך איצטער נאָך דיין שמייכל
אַרומשוועבן אין רוים,
און דיינע שטילע, גוטע רייד הויערן
אַרום מיין אויפגעשפיצט געהער.
מע זאָגט:
דו ביסט ניט מער.

איך האָב דאָך שוין אַליין געזען מיט מיינע אויגן
דיין שטול אַ ליידיקן.
גריסן מיך, אויסרופן מיין נאָמען —
איך הער ניט מער דיין קול דעם פריידיקן.
פאַפירן, ביכער און זשורנאַלן,

ווי געוואוינט צו זען איך בין געווען כסדר,
ליגן מער ניט אַנגעוואָרפן אין דיין חדר.

דיינע לאַנגזאַם, ווייכע טריט
גַעשטאַרקט פון מיינעטוועגן,
באַגלייטן מער ניט ביז
די דרויסנדיקע, שטיינערדיקע שטעגן.
כפל׳ט זיך מיין צער אין שפּיגל פון מיין טרער,
מיין פריינט,
מע זאָגט —
דו ביסט ניט מער.

ס׳האָט דאָך יעדערער זיין טעלערל אין הימל.
ווער פון זילבער,
ווער פון גינגאָלד צי קרישטאָל;
ווער סע וועגט דאָס ווערט דערפון דאָס ערדישע
אויף שאָל,
נאָר דיינס, מיין פריינט,
איז פון שפּרוכן און צרופים מין
וואָס גלידערט אות צו אות אין באַנג
פאַר קלאַנג
פון יידיש וואָרט און זין.
מיט ליבשאַפט אָן אַ שיעור האָסטו אין ליכטיקייט

די אותיות געוויקלט
און נאָכאַנאַנד
מיט געטרייער, ריינער האַנט
די קובן זייערע געציקלט.

איך האָב געזען די ליפּן דיינע ציטערן אין קלעם.
איך האָב געזען —
דו טרייבסט דעם צווייפל פון דיין ברעם.
איך האָב געזען —
דו ווערסט זיך קעגן גורל דעם פּאַטאַלן.
איך האָב געזען דיין בלייכע האַנט
אין מידקייט פאַלן.

אָ, ניט זיין זאָל גאָר די שעה!
מיין פריינט, מע זאָגט —
דו ביסט נישטאָ.
נישטאָ.

זעכציק

ווערטער טוען ווײ

זע, ווערטער מאַכן מיד.
זײ פֿאַלן איבער מײַן געמיט
ווי פֿינגער גראָבע אויף אַ האַרף
און שנײַדן
שאַרף.

אוי ווײ, אוי ווײ,
ווי ווערטער טוען ווײ.

אָפֿט קומען זײ פֿאַרשטעלט געקלײדט,
שטיל, שטילערהײט,
מיט קאַצן־טראָט אין ווײכינקע סאַנדאַלן
ווי וואַנדאַלן
און באַפֿאַלן
און טוען ווײ.

אַמאָל זידן זײ און צישן
פֿון צווישן
רײען ווײסע, בלאַנקענדיקע צײן
אָן אַ פּאַרוואָס און אָן אַ גרונד

און רינען אָפּ ווי עסיק אויף אַ וואונד
אַז ווײ.

און ס׳טרעפט —
זיי זיפּן
דינע שמייכלענדיקע ליפּן
מיט מאָס און טראָפּ
און צאַפּן דיר פּאַמעלעכקע דאָס לעבן אָפּ
און ווײ, און ווײ
ווי ווערטער טוען ווײ.

פריי און טרויעריק

„התחייבותן פֿאַרקנעכטן,
בינדן צו און הינדערן.

קונסט
מוז זינדערן.“

„לאָז געמאַך.
קלאַנג פֿון קלינגען-וועגן
איז אויך צום אָנגעשפּיצטן אויער
ערגעץ וואַך.“

„דאָך—
אַן אויער
שטעלט באַדינג
דעם קלאַנג-געקלינג.

אַ זיידן פּעדעמל אפֿילו
אין באַריר
קען אויכעט ניזוקן וויבריר.“

„איז וואָס?“

„אַן אויער
איז אַ שוואָם.
עס זאַפּט אַריין און פֿאָדערט מער
און דאָס איז
שטער.“

„קלאַנג פֿון קלינגען-וועגן
וויל אויך ניט הילכן אין אַ חלל סתם.
שיינקייט
שיינט זיך שענער מיט אַ פּיצל פּגם.
דערימעך
בינד ניט אָפּ דאָס שפּירעוודיקייט
פֿון געטרייען אויער.
כ'מיין —
ס'איז נאָך ליבער
ווען מע גייט אַ גרייפּעלע
דעם גבול אַריבער. . .

* * *

דער גוטער, אָנגעשפּיצטער אויער
איז אַהינגעקומען,

ס׳האָט זיך אָפּגעטאָן.
קלאַנג
איז צו קיין זאַך מער
זיך ניט מתחייב.
ס׳איז אָפּגעבונדן פון אַ יעדן אָרט
און צייט
און שפּילט זיך איצט אין סאַמע לויטערקייט.

סי שפּיגלט זיך נאַרציסיש
אין דורכזיכט פון קרישטאָל
נאָר, צומאָל
מיר דוכט —
די הילכן וואָס צוליבן בלויזן „זיין"
ציען אויף צוריק אין גלאָק אַריין
ריין,
נאַקעט,
בלענדיק
און טרויעריק
אויף שטענדיק.

א ו מ ר ו

נאַכט
מיין אונטערבאַוואוסטזיין וואַכט
ביי דער בינע פון קאָשמאַרן־שפּיל
וואָס שלאָף־איין, שלאָף־אויס
צעשויבערט די שטיל.

און אין דער טונקעלער שויס
מיין נשמה — די פאַרסטערן
קניט,
בעט רו ביי באַגיניקער שוועל
וואו שפּיל פון
דעמער־קאָלאָריט
שפרייט אומרו אין טאָגיקן העל.

פאַרוואָס

אַז חסדים וואַקסן אויף די ביימער
און גענאָדן שפּראָצן פון דער ערד,
דרינג איך מיר דערפון אַ קל-וחומר:
אַז חסדים וואַקסן אויף די ביימער —
און מיר פאַרוואָס אָ, האַר מיינער און שומר,
צו זיין אַ קוואַל פון גוטסקייט ז'ניט באַשערט
אַז חסדים וואַקסן אויף די ביימער
און גענאָדן שפּראָצן פון דער ערד?

אין טאָג פון די „צען“

אין טאָג פון די צען
(ישראל ה׳תשי״ח, חג העצמאות)

איך וואָלט געוואָלט
שטעלן זיך צווישן מײַנע גרויסע זין,
אַ הייב טאָן די אויגן צו זיי אַרויף,
זיי זאָלן לייענען „נפלאות״ אין מײַן בליק
און זיי
מיר אויף צוריק
זאָלן לײכט אַ דריק טאָן מײַנע אַקסל.

גוט וואָלט מיר געווען צו פילן היינט
די הענט פון מײַנע זין אויף מײַנע אַקסל.
ס׳וואָלט זײַן
ווי זיי וואָלטן דאַווענען צוזאַמען
מיט זייער אין־שטומקייט־פאַרזונקענער מאַמען.

האַר פון דער וועלט,
ניט רעכן מיר פאַר אומגוט
וואָס איך רוף דײַן נאָמען אָן צו אָפט.
זאָג איך „נס״
רוף איך שוין ממילא דיך ביים נאָמען, גאָט,
מײַן גאָט,
איך הער די פאַקלדיקע הללויהס;
זיי גייען אויף צו דיר פון אומעטום.

און מיך
אַ הימל-בלויע פרומקייט נעמט אַרום.
קען איך ניט
מיין שירה זינגען אינדערהייך;
כ׳קען אויך ניט
פלעכטן זיך אין קראַנץ פון דעם געיובל.
אַז טראָפּ נאָך טראָפּ
פון מיין פּנים טריפט דאָס בלוט מיר אָפּ
אַנטקעגן הייננטיקדיקן וואונדער.
דאַנק איך און לויב איך בלחש
אַליין און באַזונדער.

צו לאַנג האָט געדעגנט מיט פייער,
געהאָגלט מיט שטיינער.
און ווען די ישועה ז׳געקומען
איז די נחמה
אויף עטלעכע שפּאַן איר אַהינטער געבליבן;
סי האָט אַ פאַרעקשט געשווייג זי פאַרנומען
וואָס האָט זיך געלייגט איבער אַלץ,
איבער גאָר.

פאַרוואָר—

אויך מיר איז פאַרלאָרן געגאַנגען דאָס קול
פון דער חדוה
קען איך נאָר שטוינען אין פנים פון נס.

באַפאַלן מיך סטראָפן צעזונגענע קלוגשאַפט
אין מאָסן פון רייד,
נאָר איך שטיי באַנומען
און ס׳ציטערט און בלייכט זיך
מיין פאָרכטיקע פרייד.

מאַך איך אַ ברכה,
בין טועם די שטילקייט
אין שפור פון דעם גרויסן „געשען״
אין טאָג
פון די „צען״.

פון דער זייט טיר

ניט געקענט דערלאַנגען

אַט באַלד
און ס׳וועט אַהינקומען דער לעצטער שטראַל פון טאָג;
ס׳טוקט זיך ווי אַן אויג אַ מידער הינטער וויעס.
און ער איז מיד
און לאָזט אין מידקייט זינקען זיך ווי דער,
וואָס לייגט די הענט זיינע צוזאַמען ביים אויסלאָז פון נסיעות.
נאָר באַנג איז אים אין דעמער-בלוי
גלייך ער וואָלט אויף יענער זייט פון זיינע רייזעס
ברויזיקע און שטילע
עפּעס וואָס פאַרגעסן
און ווייסט דערפון דעם נאָמען ניט אפילו.

אַלץ, זעט אויס, איז קלאָר
ווי אויפגעשריבן וואָלט געווען אויף פלאַך פון הענט;
אָפּגעווילט, אויסגענוצט און זיך פאַרשווענדט,
פינקטלעך אָפּגעצייכנט דעם אוזאָר.

און דאָך—
ס׳שאָטנט זיך אין זיין זכרון עפּעס נאָך—
אַן „עפּעס-נאָך״ וואָס האָט פון זיך דערקענונג אָפּגעטאָן.
און איצט

האָט שקיעה־בלענד אים אויפגעשנאָלט
אַ רמזל דערמאָן:
אַן אָנשוועב פון אַ קלאַנג, אַ טעם, אַ ריח, אַ קאָליר
צעבליצלט
און שוין אין פלי
צעגאַנגען אין זעפיר.

צעקלאָגט האָט זיך דער שר פון אַלע באַנגען:
גאָר נאָנט געווען
און ניט געקענט
דערלאַנגען.

צי ווייסט זי דען —

צי ווייסט זי דען פאַרוואָס
זי קייקלט זיך אין טוי־באַהויכטן גראָז
אַראָפּ אין טאָל ?
אָט גלייך אַ גענדזעלע פון בערגל
דאָ אַראָפּגעקומען.

דאָס קליידעלע ביז צו די קני פאַרנומען;
צוויי ראָזע פיסעלעך אַריינגעשטעקט אין לושע,
טשערעטלעך נייאינקע געריסן —
צי ווייסט זי דען צוואוואָס ?
נאָר אַז גלאַטקייט האָט אַ לעק געטאָן
די קליינע פינגער
און פרישער, גרינער גלאַנץ
אַ וואונק געטאָן צום אויג
האָט אַ גוטסקייט זיך אין איר צעקוועלט:

דאָס איז איר שפּירונג־וועלט,
איר גאָרע וועלט.

* * *

צי ווייסט זי דען פאַרוואָס
זי לויפט דורך טויען־קילן גראָז,
ווען ווייסע בליעכצן ווי בשורות
לענגויס דעם טאָל אויףביימער־שורות

האָבן זיך צעקלונגען ?
גלייך אַ העזעלע
געקומען איז זי דאָ צושפּרינגען
צו שטעלן זיך אין צווייגן-שאָטן.
צי ווייסט זי דען צוואוואָס ?
נאָר ווען בליטן-ווייסקייט
האָט דאָס קעפּל איר באַשאָטן
האָט זיך אַ פרייד אַ רונדיקע אין איר צעהעלט;

דאָס איז איר ווייסע וועלט,
איר גאָרע וועלט.

* * *

צי ווייסט זי דען פאַרוואָס
זי פלאָנטערט אום אין ווילדן גראָז,
אָט גלייך אַ קעלבעלע פון וועג אַראָפּגעקראָכן;
מיט פינגער אומגעדולדיקע
ריטלעך טרוקענע אַוועקגעבראָכן
און ביי אַן אַלטן בוים
געבליבן שטיין.

מיט אַ שפּרונג האָט זי אַ כאַפּ געטאָן
דאָס נידעריקסטע צווייגל,
געצויגן זיך אַרויף, אַרויף,

אַכציק

אָנגעכאַפּט אַ צווייגעלע אַ צווייט, אַ דריט,
איבער סוקעוואַטער קאָרע באַלאַנסירט
ציטערדיקע טריט
אַזוי דערקלעטערט ביז צום בלאָען טרוים —
צום ערשטן, רייפן פלוים.

זי האָט דעם פלוים ניט אָפּגעריסן,
בלויז דאָס פּנימל אַרויף פאַרריסן,
ווי אין טראַנס
ריטמיש לאַנג
געפירט די ליפּלעך איבער פרי.

אַ זיסע מורא
האָט געהיים אין הערצל אירס געקוועלט.

דאָס איז איר טרוימען-וועלט,
איר גאָרע וועלט.

* * *

צי ווייסט זי דען פאַרוואָס
פאַרמיטן איז פון איר דער גאַנג
דורך גראָז ?
אין איר וואונדערלעכער דאָלינע אַריין
איז איר פאַרווערט.

דאָרט דרייט אָן אויפהער זיך
אַ פייערדיקע שווערד.
און זי
פון דרויסן-זייט אין לויער
אָנגעשפּיצט צום מינסטן שאָרך דעם אויער
וואַכט.

* * *

ווייַנשל, פלוימען דאַרף מען רייסן;
באַרן, עפּל — פאַלן.
צווישן אָפּנאָפּלען און פאַלן
זיפצט די פּרי דורך די בלעטער,
דורך די צווייגן.

דעם קלאַפּ
נעמט דאָרטן אָפּ
די ערד.
איר
דער זיפץ פון אַלץ וואָס פאַלט געהערט.
דערפאַר
איז זי דער סייסמאָגראַף פון צער
צו כל-הפיינען אָנגעשטעלט.

איז איצט די זיפצן-וועלט
איר גאַרע וועלט.

דו זאָלסט ניט

צו דיר, יודקאַ.

אין פונקען־כתב
האָט געצערנט קעגן מיר אַ שטרענגער „לאו".

דער מערב האָט אין הינטערגרונט גערונצלט
אַ ברענענדיקן ליילעך.

וואודואיש האָט דאָס געשריפט געוויקלט אַרום מיר
אַ קיילעך
און איינגאַנצן מיך פאַרנולט
ווען איך — אַ נאָדל־שטראַל
גענידערט האָב אין תהום פון
איך־אָקולט.

מילד, מיין ווילד

דער פויגל האָט אַ פונק אין אויג.
זייטיק ס'טוט דאָס קעפּעלע אַ נויג
און טראָגט עס קעגן הימל.
זוכט ער הימל?
דאַרף ער הימל?

אַלע מיינע הימל־זוכערייען זיינען שווער;
זיי שוועבן ניט דורך עטער.
אַלע מיינע דאַרפערייען מעסט איך אָן
אויף פויגלס פעדער
שווער.
וויסן
ווייס איך גאָר ניט וועגן פויגל,
נאָר זיין וויל איך ווי ער.

די ערד איז מיינע.
איך האָב זי ליב.
וויל איך אָנלאָדן די גלידער מיינע מיט איר כוח;
וויל איך איינגורן אין איר מיין פּנים,
אַריינציען אין זיך איר ריח.
מיטן עלנבויגן
וויל איך איינגראָבן אין איר מיין אָרעם
נאָר

כ׳האָב מורא פאַרן וואָרעם.
כ׳האָב מורא פאַר אַ מינדסטן וואָרעם.

די ערד איז מיינע און
איך ברעך זי איין.
איך רייט
מיט הויכן קאָפּ אויף איר פאַרשייט.
איך שטורעם זי.
איך שלאָג זי מיט די פיס אין האַרצן.
איך רייס פון איר אַרויס און מאַך אַ תל
פון אירע אַרצן.
איך שטיל זיך ניט.
זי איז נאָך אַלץ מיר עפּעס שולדיק
און זי
וואַרט.
זי נעמט צו אַלע מיינע אויסברוכן
געדולדיק.

מילד, מיין ווילד!
אַט ציט זי איין דעם אָטעם און זי נעמט מיך איין.
אַט עפנט זי איר מויל און שלינגט מיך איין.

מילד, מיין ווילד!

אַניט
פאַל איך אין איר תהום אַריין צעגליט —
אַ פינקלענדיקער כריזאָליט.

מילד, מיין ווילד!
אַהינצו דאַרף מען גיין מיט קליינעם טראָט.
ניט שפּרינג.
ניין מאָל דאַרף מען אויפּראָלן
שיכט נאָך שיכט;
פאַמעלעכקע אַליין זיך אויסלעשן דאָס ליכט;
הכנעהדיק מיט קניען-בויג
צומאַכן דאָס אויג
און ווערן גרינג —
פויגל-גרינג.

מילד, מיין ווילד!
שאַר זיך שטיל אַריין אין טראַנס פון דרימל.
טרוימער זאָגן:
דורך דאַנען איז דער וועג צום
הימל...

גאָר ניט ווייס איך

מיט אָרעמס פרום אַרומנעמען דעם בוים;
צולייגן די באַק צו ברוינער קאָרע
און אָטעמען,
און שווייגן.
אומעטיקלעך גוט איז מיר אין שאָרך פון צווייגן.
אין שאַש פון בלעטער זאָג איך: דאָ איז שטיל.
אין בליטן־אָפּשיט
אין מיין טראַכטן מילד, טראַנקוויל.
נאָר—
צי ביימער לויבן גאָט מיט ליכט פון
ווייסן צוויט,
דאָס ווייס איך ניט.
איך ווייס ניט ווען זיי וויינען,
איך ווייס ניט ווען זיי לאַכן,
גאָר ניט ווייס איך וועגן אָט־די זאַכן.

פון דער זייט טיר

כ׳וועל זאָגן „טו מיר אַ טובה״.

ווער טוט דען אַ טובה?
אַ טובה געשעט.
„טו מיר אַ טובה״ שרעקט אַרויס די טובה.
סי איז ווי אַ שטופּ אין אָפּגרונד.
דאַרום איז גוט ווען אין ווערן
ווייסט עס ניט אַז ס׳ווערט „טובה״.

כ׳ווייס אַז איך וועל מער ווי געוויינטלעך
פינטלען מיט די אויגן.
כ׳ווייס אויך אַז איך וועל שמייכלען.
(כ׳דאַרף שמייכלען)
וויל איך מאַכן אַ שמייכל ווי ווען
איך עפן די טיר פאַר אַ גאַסט.
כ׳מעסט אָן אויף מיין פּנים
אויפגעלייגטקייט.

מיין נאָז טוט זיך עטוואָס אַ לאָז אַרונטער.
ליפן בלייבן אין עלנט-שמייכל אַליין.
איבער מיין אייבערשטער ליפּ
לויפט דורך אַ ציטער
ווי פוך.

אַכט און אַכציק

צוּנג ציט אָפּ, טוליעט זיך צום גומען.
ווייז-פינגער פאַרמעסט זיך,
פאַלט צום טיר-גלעקל צו
צו שטאַרק.
פאַרפאַלן.

מיין קאָפּ בייגט זיך איין אַביסעלע
צו דער לינקער זייט;
שיסט באַלד אַרויף הויך און שטייף
מיט אַ זיפּץ.
אויגן פאַרקניפּן קאַנטשאַפּט מיט טיר-קאַרבן.
איך צייל קאַרבן,
(איך מוז ציילן קאַרבן) קאַרבן, קאַרבן.
צונג ווי אַן איינגעשלאָסענער טיגער
שטויסט זיך אין מויל-טיר.
ס׳וויל אויפברעכן ציין-שלאָס.

קיין פאַלט אַרונטער.
צונג כאַפּט זיך אַרויס פון תפיסה און
לאָזט זיך לויפן אַרום-און-אַרום
איבער אינעווייניק פון ליפּן.

יענע זייט טיר טוט אַ גענעץ.
קליאַמקע אין האַנט-ריר
האַלט איין דעם אָטעם.

איך צי זיך איין.
כ׳פאַל אַרונטער פון געפּלאַנטן סדר.
כ׳ווער אַ שרעטעלע מיט אַ דין,
קוויטשיק קולכל.

איך פּלאָנטער זיך אונטער די פּיס
ווי אַ פאַרלעגנהייט.

פאַרדאַכט

אַ ליכטל אין דער לינקער האַנט,
מיט דער רעכטער
אַ דעכעלע משופּע איבער פּלעמעלע געמאַכט
אונטער נאָז-פליגל צעפּלאַטערט מיט פאַרדאַכט
האָט זיך אַריינגעשניטן אין דער שוואַרץ
אַ סילועט
און געשלייכט זיך איינגעהויקערט צו
אין-רו-פאַרשפּינטער בעט.

וואָס זוכסטו, וואָס ?
וואָס קען מען דען געפינען מיט
אַ ליכטעלע אַזאַ
אין אַ פינסטער וואָס געדיכטער איז פון נאַכט ?
וויל די פינסטער דען אַרויסגעבן
וואָס זי באַוואַכט ?

צוגעמאַכטע אויגן-לעדלעך
זאָגן ניט קיין עדות,
אָטעם-ריטעם אויף-און-אָפּ
גיט ניט קיין סימנים
נאָר, אָ
ווי גיפּטיק חוזקן סי קען
אַ שלאָפנדיקער פּנים.

דאָס ליכטל אין דער האַנט האָט בלויז
דאָס פֿינגער-דעכל אָפּגעגאָסן
מיט אַ ליכט אַ גרינלעך ראָזן
און אויסגעשיילט אַ קרומען
שפּיגל-גלאָז.

האָט אַ קרענקלעך לאַכן קאָנוואולסירט
אַנטקעגן אייגענעם
אַנאַמאָרפאָז.

רייד פון איך צו זעלבסט

רייך צעצווייגט מיט דער אָרעמקייט פון
קליינע טעג
און דראָבנע רייד
ביסטו געוואָרן גוואַלטיק
מולטי-קאָנטראַ געשטאַלטיק.

מיט אַלדאָס ווערקצייג פון פּאַריבל און פּאַרדראָס
האָסטו אויפגעשטעלט אין מיר
דעם צענטראַל פון דיין כאַאָס.
פון דעמוועגן
ברענסטו מיר די טריט, שוואַרצסטו מיר די שטעגן.

און איך זאָג דיר צו אַ ווייסן טאָג.
וואָס האָסטו מורא?

באַנעם:
דו געוועזן ביסט זוכה צו דעם חסד,
צו דעם גרויסן גנאָד
צו זיין דער לעצטער „כי-טוב",
דער סאַמע „טוב-מאוד".
דער נענטסטער
צו דעם ערשטן געטלעך-גרויסן שבת.
דערימעך

שטיי ניט איינגעבויגן
קליין פֿאַר מײַנע אויגן.

גלייך זיך אויס און גיי אַריין אין גוטן טאָג.
וועסט האָבן אַ דערזעאונג אין דעם טאָג:
דיין אויג וועט זיך צעפֿינטלען ביי דעם וואונדער
פון אַ וואָכעדיקן דעמער-בלוי;
וועסט גאַפן ביי דעם חידוש
פון אַ פשוטן זאַנג אויף אַ שטרוי.
האָב ניט מורא.

דער גרויסער, ווייסער טאָג וועט איינשלינגען
אַלע קליינע טעג.
איבער צעשאָטענע דראָבנע רייד
וועט אויפגיין
אַ גרויס און ליכטיק שווייגן
און דו
וועסט שטייגן,
שטייגן אויפגעלייזט און גלייביק
אַזש ביזן דימענט-פינטעלע
אין אָרעאָל פון „אייביק״.

א י י ב י ק

קיין זאַך איז ניט אַזוי אייביק
ווי אייביק ס'איז אַן ערלעך וואָרט.
ס'זינדערט און געדולדיקט גלייביק
אַז קיין זאַך איז ניט אַזוי אייביק
שעמעוודיק נאָר ס'כוח'ט לייביק—
סי איז פון שטאָל און פייער סאָרט
און קיין זאַך איז ניט אַזוי אייביק
ווי אייביק ס'איז אַן ערלעך וואָרט.

ליכט און רויך

ג ל אָ ק ן

ווי מוראדיק ליב איך האָב גלאָקן !
נאָר די יענע פון די קירכן
מיט אַ פרעמדקייט אין די הילכן
האָבן מיר די קינדהייט אָפּגעשראָקן.

גלאָקן שיילן, שיילן זיסע מורא
און איך וויים: ס'איז אַן עבירה,
נאָר איך וויג זיך צו די בומען
ווי די עמער איבער ברונען;
ווי דער ציז פון גערשטן-זאַנגען
וויגט אויס ריטמיק אין די קלאַנגען;
ווי ס'ריטעמס טייכעלע אין ריזלען
און באָבע ברכה מיט די שפּיזלען.

* * *

גלאָקן בינדן, בינדן
מעטריק אין מיין שפּאַן.
אין בום פון אַ גלאָק
איז אַ שטייגן פאַראַן.

אין אויפשלאָג פון עכאָס
שאַלן רופן-פאַנפאַרן

און אימה-געשוועב
איבער רייץ דעם ביזאַרן.

* * *

אַ דינג און אַ דאָנג, און אַ גלין און אַ גלאן —
אַ קליינינקע שולכל ביי אונדז איז פֿאַראַן
מיט וואונדער געמעלן און קיילעך סופּיט
פֿון לייבן מיט לאַפּעס
און מיילער פֿאַרצויגן
ביז הויך אינדערמיט.

כ׳וועל מיינע גלאָקן אין שולעכל ברענגען
און זיי צעהענגען
אויף דינינקע מעשענע קייטלעך;
פֿאַרהעקלען אויף מעכטיקע ציין פֿון די לייבן
אין סטעליע.
אַהין-און-אַהערן די גלאָקן וועט ברייטלעך,
און רופֿן צו תּפֿילה
וועט שמש רב עליע.

מיין זיידע
מיט אויגן פֿאַרמאַכטע

ווען פויקן מיט פינגער צום טאַקט אויפן טיש
און ציען דעם בום-בום פון גלאָקן
צום ניגון פון
אַשרי האיש.
און זיין ווען אַ זעלטענער שיינער היבריד:
שולכל און גלאָקן,
ניגון און
ייד.

*   *   *

באַנג-באַנג און באָם-בום ביז הימל זיך שרויפן —
טריאומף פון שפיצן ספּיראַלע.
גזירות און גירוש, מהומה און טויפן
שאָטענען הימנען כאָראַלע.

און אָט נעמט אַ בום-בום זיך פּערטלען
און ערטלען
גלייך אויפן קאָפּ פון מיין זיידן
אַ צלם
און איך
מיט אויגן צעעפנט — אַ גולם
פאַרכאַפּט אין ווירבל צעדול.

פאַל ביי די פיס פון מיין זיידן
אין ריטעם פון גלאָקישן לול.

* * *

ס׳איז חגא, ס׳איז זונטיק,
מע קלינגט שוין אין קלויסטער.
ס׳איז וואונדיק.
זיפצט אָפּ מיין זיידע ווי תמיד זיין טבע:
„מע דאַרף שוין
פאַרמאַכן די לאָדן, ברכה בת-שבע.״

ע ר ד צ י ט ע ר נ י ש

צוויי בייזע הענט האָבן מיך פון מאַמען אָפּגעריסן.

איך קניפּ זיך אַריין אין מאַמעס צעפּלאַטערט קליידל
און הענג איבער אַן אָפּגרונט.
מַיין קַליין הענטל רייסט זיך צו מאַמעס טיכל.
אָט, אָט דערלאַנג איך אירע האָר.
די האָר!
אַ וויכער צעררייסט דעם קנופּ און דרייט מיך אַריין
אינדערליידיק.
קליינע פינגערלעך ווי מאָטילן
ציטערן אינדערלופטן:
עלנט, עלנט, עלנט.

עקעלעך פון מאַמעס טיכל
גייען אויס.
פונקען — מיין מאַמעס האָר
טוקן זיך.
מיין מאַמע-גאָט האָט מיך אַראָפּגעוואָרפן.
מאַמע-גאָטס פנים
לעשט זיך.
מאַמעשקייט שווימט אַוועק פון מיר
און איך פאַרגיי זיך אויף אַ פרעמדן אַקסל.
פ ר ע מ ד ן אַקסל.

פאַרוואָס פאַרלייקן איך

פאַרוואָס פאַרניין איך ?
פאַרוואָס פאַרלייקן איך געפיל ?
פאַרוואָס ווער איך זיך קעגן מיינע אינטואיציעס ?

מיין געפיל איז דין-שפּיריק און עלטער
פון מיין דערפאַרונג.
מיין פאָרגעפיל איז שטאַמיקער פון מיין קאָפּ-קלוגשאַפט.
אַלדערקענטעניש שאַרפט זיך אָן מיין חוש.
איידער דערוויסנדיקן וויסן
האָב איך ריינע פּערצעפּציע.
פריער פאַר אַלע מיינע אַספּיראַציעס
קומען אינספּיראַציעס.
האַרץ-רייד לויפן פאַראויס מיין געדאַנקלעכקייט.
צניעות וואַקסט אַרויס פון מיין אינסטינקט.
אימפּולסן
געשטאַלטיקן מיינע טועכצן.
אויב שיינקייט איז פאַראַן אין מיר
איז דאָס „געלייטער" פון מיין עמפּינדלעכקייט.
אויב גוטסקייט איז פאַראַן אין מיר
ווערט עס גענערט פון מיין סענסיטיוויטעט.

פאַרוואָס פאַרלייקן איך ?

אַ ייִנגלינג מיט אַן עפּל אין האַנט

דאָס קליין מעסערל מיטן ווייסן,
קילן, קיילעכדיקן העלפאַנטביין הענטל
האָט זיך געגרויסט
אין מיין זיידנס שבתדיקער האַנט
בשעת
ער האָט אַן עפּל געשיילט
און דינינקע רייף־שמעקעדיקע ריפּטעלעך
פאַמעלעכקע צום מויל געטראָגן
און זיינע ליפּן האָבן אַ ברכה געמאַכט
אויף פּרי פון בוים.

ער איז געווען אַן איידעלער זיידע־ייִד
און האָט געטאָן
ווי אַן איידעלער זיידע־ייִד.

איך בין
אַ ייִנגלינג מיט אַן עפּל אין האַנט.
איך בייס די ציין אַריין
פאַרשייט.

צו אַ יונגן יידישן דיכטער

דו, מיין יונגער דיכטער,
גייסט דער אַלטקייט אַנטקעגן מיט ווערטער-ליכטער
און זי
פֿאַרשטעלט די אויגן
און זי ווערט זיך.

„אַלטקייט״ האָט זיך אויסגעכאָוועט און זי נערט זיך
פֿון דעם פֿונגוס אירן „לעצטקייט״ וואָס
זי רוקט דיר אונטער ביזן סאַמע נאָז
(—אירס דאַרף זיין דאָס לעצטע אות—)
נאָר דו
ווייזסט איר די געזונטע, שיינע ציינער דיינע.
ווירילֿ
טוען זיך די פערזן דיינע אַ צעשפּיל
מיט דימענט-שפּריצן
(אַזוי האָב איך געזען מיין טייך „נאָרין״
צעשטיפֿן זיך אויף פֿעלזן-שפּיצן)
און דיר
געדייאיק איז
(אַז ווייאיק איז)
גוט.

אויך מיר איז גוט
כאָטש איך בין געקומען היפּשלעך פֿריער.
ס׳איז מיין הנאה פֿון דיין יונגקייט אומגעהייער.
א ו מ ג ע ה יי ע ר.

הונדערט און זעקס

ווי אַנדערשדיק

וואָרט אין עמבריאָ,
ווי שיין און גאַנץ דו ביסט אין וואַרעמקייט פון דמיון
און ווי אַנדערשדיק דו ביסט
אין אויסשפּיל
פון זילבן אויף מיין ליפּ.

ס׳איז מוראדיק געווען דער ערשטער קוק
מיין ניי־געבוירן יינגעלע אין פּנים
נאָר אָט
צעפלאַטערט זיך מיין אויג און
איך דערקאָן אים.

דו, מיין וואָרט,
מוזסט אַפריער מאָנען, מאָנען,
אַז איך זאָל אין דיין צייטיקייט
דיך דערקאָנען.

טריאָלעט פאַר ל. מ. שטיין

(צו זיינע זיבעציק יאָר)

וואָס קומט מיר אַרויס? דיין איזאָלדע איז „יידיש״
דאָך זינג איך אַ ליב דיר, מיין פריינט לאַמעד מעם.
איר בין איך מקנא, דיך גריס איך ידידיש.
וואָס קומט מיר אַרויס? דיין איזאָלדע איז „יידיש״
און דו ביסט דער אמתער ריטער, רב ייד-איש
(ביז הונדערט און צוואַנציק, למען השם)
און מיר קומט אַרויס: דיין איזאָלדע איז „יידיש״
זינג איך אַ ליב דיר, מיין פריינט לאַמעד מעם.

ליכט און רויך

חדוש זיך ניט וואָס איך בלייך זיך
ווען איך פרייַ זיך קינדיש
מיט צעשפּילטע פייער-שפּריצן פון ראַקעטן
ס'ציט זיך
נאָך פון יענעם שטילן ערב-שבת
אין אַ זומער שפּעט אין

חודש אָב;
די שטוב —
אַ זויבער גלימער.
ווייַן און ווייסע ליכט אַנטקעגן
זילבער שימער
און אומעט דאָרפישער לרוב . . .

די מאַמע האָט דעם שבת שוין אַרייַנגעפירט.
דער טאַטע — דער פּאָסעסאָר
ראַדיאירט
שטילע שבת-שלוה דורך אַ שמייכל
עטוואָס אויסגעבויגן אין אַ זאָרג
פון די מילדע אויגן ביז
דער שייַנער שטרענגער באָרד
גראַד צו אירע פייַנע פינגער פרום פאַרצויגן
איבער אויגן.

יעדע פלעמעלע פון ליִכט —
אַ קליינער רעגנבויגן.

פענצטער נעמען זיך אין בלויקייט הילן;
בלומען־פאַרבן אינעם גערטל
הייבן אָן פאַרשטילן.
ריחות פון טאָפּאָלן,
פריש־געשניטן היי און ווילדע טרויבן
שוועבן אָן און
גלעטן ווייך די שויבן.

ס׳טריטלט שאָטנדיק די נאַכט.
איבער שליאַך
שטאָלצט דער פולער שייער מיטן גרינעם דאַך.

שטיל.
מע הערט
אין די ביימער דורך די קאָרעס
שנאָלן דראָבנע
זאַפּטן־פּאָרעס.

שטיל.

מע הערט
די גרילן צישן.

כמורעט זיך דעם טאַטנס שטערן
„איי, איי —
קינדער האָדעווען אָט־דאָ צווישן
בליקן פרעמדע אין דער ווילד פון דאָרפעריי.
נו, ניט פאַרזינדיקן, אוי, טאַטע זיסער,
אַ ייד איז עלנט אויך אין שטאָט
מיט די זייניקע אפילו.

איז —
יום הששי
ויכלו
הש/״

אַ שווערד אַ גאָלדענע ט׳אינמיטן
דעם „השמים״ דורכגעשניטן
ביי דעם טאַטנס מויל;
מיט ליכטיקייט פאַרפלייצט זיין פנים, הענט
און אָפּגעגאָסן אַלע ווענט.
אַ דונער־זאַלפּ

האָט דורכגעקנאַלט דעם שייער
און סי ברענט!
בליציק
האָבן צונגען זיך אַדורכגעזעצט.
שטוינט די מאַמע קעגן טאַטן:
„אוי, סי נעצט.“

פון דעם הויף דערבייאיקן
לויפט דער זיידע מיט צעיאָגטע פּאָלעס
דורכגעזיכטיקט פון די פלאַמען,
פאַרהאַלט זיך ראַפּטאָם ביי דער שוועל
און וואַרפט צו אַ שטרענגן בליק
דער מאַמען.

— זי האָט פון וויגעלע דאָס בעטגעוואַנט פאַרנומען
מיטן קינד צוזאַמען.—

האָט ער אַ צי געטאָן זיך הויך און גלייך:
„פיר, ברוך, שוין אַראָפּ די דייניקע
צום טייך
און
קיינער זאָל ניט רירן פון דיין שטוב די זאַכן.

סי שבת!
און יאָ —
די בעלי-חי!
לויף און עפן גיך די שטאַלן.
ס׳בלאָזט דער ווינט צו יענער זייט,
צו צפון
איז לאָמיר האָפן,
האָפן.״

שטיל, געבראָכן ענטפערט אים מיין טאַטע:
„מחלל געווען דעם שבת
האָט ג אָ ט פון זיין הויך.
זע,
אונדזער גאַנצע זומער-פּראַצע
שיקט ער אָפּ מיט רויך
מעג איך דאָך
באַשיצן פון מיין הויז דעם דאַך?״

„איך הייס ניט!
אַז „ער״ געוואָלט האָט זיין מחלל
איז דאָס ז יי ן זאַך,
נאָר קיינער ניט

פון אונדזערע בני־בית.
ניט אונדזערע בני־בית.״

וואָכן לאַנג עס שוואַרצט דער חורבן;
אַש און קוילן
גאַנצע הורבן,
איך זע מיין זיידנס
קאָפּ זיך בייגן
אין אַן אָפּענעם משניות.

און מיר
איז ביז היינט די שרעק פֿאַרבליבן
פֿאַר אַ פֿלוצעמדיקער ליכט.
אפילו ווען דיין פּנים
שטראַלט פֿאַר מיר אויף
אומגעריכט
דערשפּיר איך באַלד דעם רויך פֿון יענע בליצן,
נאָר ביי מיר איז דעמאָלט
שבת
און איך וועל אויך
מיין דאַך
ניט שיצן.

ק ל ו ג ש אַ פ ט

זע. איך בין דערגאַנגען ביזן מיטן טאָג
און ווער ווייסט וויפל שפּאַן נאָך ווייטער.
איך קום צו יונגע שוועלן און איך זאָג:
אָט איך בין דערגאַנגען ביזן מיטן טאָג
און די קלוגקייט מיינע וועלכע איך פאַרמאָג
איז גלייך צו אַש פון אָפּגעברענטן שייטער
כאָטש איך בין דערגאַנגען ביזן מיטן טאָג
און ווער ווייסט וויפל שפּאַן נאָך ווייטער...

האָב מיך ליב

אוי, טאַטע מײַנער, האָב מיך ליב.
האָב מיך ליב, טאַטע געטרײַער,
און איך וועל זיך אין גוטסקייט צעשטויבן
אַזוי ווי
שפּרײַוווירבל פון אַ צעשפּרונגענער וועל
און ס׳וועט זיך אויסשפּרייטן מײַן גוטסקייט
איבער אַלץ-מיט-אַלעמען.
איבער אַלץ-מיט-אַלעמען.

האָב מיך ליב, טאַטע זיסער.

אינהאַלט

דורך שטילקייטן

איך גלויב — 7
ווי העל און דין — 8
דיין גרויס וואָרט — 10
כ׳וועל ניט פאַרניינען — 11
שפּיל אָן ווערטער — 12
צו אַ שמייכל אין גיפס — 13
דורך שטילקייטן — 15
ערד — 16
פּיריבער — 18
דאָרשט ביים לעצטן טראָפּן — 19
צו רויזן — 20
מיין מקלט — 21

ביים ברונעם

שאָקלענדיקע בריק — 25
אַ שעמעוודיק וואָרט — 26
און איך שמייכל גאָליק — 28
באָרוט — 29
קנעכטשאַפט — 30
פּיין — 13
אַ דאַך איבערן קאָפּ — 32
ביי אַ פאַרלאָזן הויז — 35
אַזוי זעלטן — 36
זאָל מען אַ קאַרגן ברונעם — 38
עונג רעגן — 40
ביי ברונעמס פּיין — 42

ווי מיך ניט איין

וויג מיך ניט איין — 45
מורא — 48
נאָר זינגען קען איך ניט — 49
פּיצל — 52

פאַרנאַכטיקס — 57
מע זאָגט דו ביסט ניט מער — 58
ווערטער טוען ווי — 61
פריי און טרויעריק — 63
אומרו — 66
פאַרוואָס — 67

אין טאָג פון די צען

אין טאָג פון די צען — 71

פון דער זייט טיר

ניט געקענט דערלאַנגען — 77
צי ווייסט זי דען — 79
דו זאָלסט ניט — 83
מילד מיין ווילד — 84
גאָר ניט ווייס איך — 87
פון דער זייט טיר — 88
פאַרדאַכט — 91
רייד פון איך צו זעלבסט — 93
אייביק — 95

וויג מיך ניט איין

גלאָקן — 99
ערדציטערניש — 103
פאַרוואָס פאַרלייקן איך — 104
אַ ייִנגלינג מיט אַן עפּל — 105
צו אַ יונגן דיכטער — 106
ווי אַנדערשדיק — 107
טריאָלעט פאַר ל. מ. שטיין — 108
ליכט און רויך — 109
קלוגשאַפט — 115
האָב מיך ליב — 116